№ 47 | Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. | פרייז 20 גראשן. | „CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

# טשענסטאכאווער צייטונג


Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

ערשיינט יעדן פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 201.

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek, dnia 20 listopada 1931. | ליכט-צינדען 3.23 | פרייטאג, פ' ויצא י"א כסלו תרצ"ב.


קאמעראל-טעאטער.



מארגען שבת ד. 21 נאוועמבער פונקט. 3 נ.מ.
א רעליגיעזער קאנצערט
פון דעם בעריהמטען וואונדער-קינד
איטשעלע טיללעס
וועלכער האט מיט זיינע קאנצערטען אין פוילען און אויסלאנד בע-גייסטערט די גרעסטע פראפעסארען פון מוזיק און געזאנג, מיט זיין מעכטיגער שטימע און הערליכען קאלאראטור.
בילעטען פון 1 זל. ביז 2.50 צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באטשאן, אין טאג פון קאנצערט פון 10 פריה ביי דער קאסע.

מזל-טוב צו דער האכצייט פון אונזער ליבע טאכטער און שוועסטער
יאדזיא ארבאך מיט ה' אהרן שטשעקאץ
א גליקליכעס צוזאמענלעבען און אייביגע צופרידענהייט ווינשען
מוטער און ברודער.

Doroczny zwyczajem
Samopomoc Uczniowska
przy Gimnazjum Tow. Żyd. Szk. Śr
urządza
Uroczystość
Chanukową
z bogatym programem

צוליעב ליקווידאציע
גענצליכער אויספערקויף!
דאס בעוואוסטע פוטער-געשעפט
פון די געבר. קעלציגלאווסקי
און בערקאוויטש פילסודסקי 9 № אין הויף,
מאכט בעקאנט, אז דאס געשעפט ווערט ליקווידירט און דער גרויסער לאגער פון אלערליי
פוטער-סחורות ווערען גענצליך אויספערקויפט.
נוצט דעריבער אויס די געלעגענהייט און איהר קענט קויפען צו אויסערגעוועהנליכע ביליגע פרייזען.
געדענקט די אדרעס און איילט אייך צו, וכל הקודם זכה!

דאס פוטער-געשעפט פון די פירמא
פיק און זשעלינסקי
טשענסטאכאו, 1 אלעע 3
פראנט ערשטער שטאק
איז פערזעהען צום קומענדען סעזאן מיט א גרויסען אויסוואהל
פון אלערליי פוטער-סחורות,
ווי פערשידענע פעל, בלאמען, קעלנער, פעלצלעך אויך פערטיגע און בעשטעלטע דאמען און הערען-פוטערס א. א. א.
ביליגע פרייזען! — — — — רעיעלע בעהאנדלונג!
קומט און איבערצייגט אייך!
אכטונג: פראנט ערשטער שטאק.

צום ווינטער = סעזאן 32=1931!
איז דאס פוטער-געשעפט
פון מיכאל איידעלמאן
פילסודסקי 5, פראנט ערשטער שטאק, טעל. 305
פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואהל פון אלעראַרט פוטער-סחורה און איינצעלנע פעל, בלאמען.
פערטיגע דאמען און מענער = פעלצען.
אין מיין ערשטקלאסיגען קירזשנער-ווערקשטעל ווערען אויסגעפערטיגט אלערליי בעשטעלונגען, שנעל, רעיעל, לויט די נייעסטע מאדען, אונטער מיין פערזענליכער אויפזיכט.

א גוט - רוטינירטע בוכפיהרערין
שרייבט אויף מאשין זוכט בעשעפטיגונג פאר שעה'דיגע ארבייט. ערקונדיגען אין רעד. פאר ג. מ.

מעבעל = לעדער
און לעדערנע
אקטען = טאשען
פערקויפט ביליג
ד. וויינבוים אלעע 32

פולאווערס
און סוועטערס
פון עכטע וואל
צו ביליגע פרייזען
וואו? אין געשעפט פון
ז. גליקסמאן
אגראראווא 13.

MIESZKANIE
duże, słoneczne, nadająca się na handel
Warszawska 65. Wiad. na miejscu.





מיר דריקען אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דער פאמיליע בערקאוויטש צוליעב'ן טויט פון זייער ליבען פאטער
יוסף נ"ע
וואלף יאקובאוויטש, הירשל דאווידאוויטש,
ישראל'עק קלין, הירצקע בערקאוויטש.

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם חבר הענעך בערקאוויטש צוליב דעם טויט פון זיין ליבען
פאטער.
אין געזעלשאפטליכער ארבייט זאל ער א טרייסט געפונען.
Kółko Samokształcenia
Jęz. Esperanto w Częstochowie

חבר און פריינד משה בערקאוויטש
צוליעב'ן טויט פון דיין
פאטער
זאלסטו אין דיין ווייטערדיגען לעבען א טרייסט געפונען.
ישראל דימאנט, שמעון געלבארד,
פראניא דימאנט, צעשא גאטליעב.


טעאטער קאמעראלני.
אנפאנג 8.30 אווענד.
מאנטאג ד. 23 נאוועמבער
איין איינציגער גאסטשפיעל פון בעריהמטען קינסטלער
אברהם מארעווסקי
מיט אנטייל פון
געניא שליט, דניאל שאפירא, רבקה גאמארסקא, ג. וויינשטאק, א. ליבערמאן.
רבי דר. זילבער דראמא אין 4 אקטען פון שלום אש
רעזשיסירט: דר. מ. ווייכערט — א. מארעווסקי. אדמ.: משה זאנדבערג און דוד העלפמאן.
בילעטען פריהער צו בעקומען אין דער דרוקעריי פון ה' באטשאן, אלעע 6.

Biuro Techniczne „Union"
Sp. z o. o.
Panny Marji 14 tel. 7-70
Stale na składzie świeże baterje anodowe.
Wszelkie artykuły techniczne i elektrotechniczne oraz radjoaparaty i radjosprzęt.
Niezawodne ładowanie akumulatorów radjowych samochodowych.
Galanterja elektrotechniczna, grzejniki i żelazka elektryczne. Żarówki. Łożyska kulkowe.

קאלאשען און שניעגאווצעס
פון די פאלגענדע מארקען:
Tretorn Gentleman Szwajkert Wudeta
Pepege Rezinotrust Rigawar Ardal
שוין אנגעקומען.
אלץ צו פאבריקס = פרייזען.
אויך א גרויסער אויסוואהל פון אלערליי שיכווארג.
ז. לאנגנער, 1 אלעע № 10

ס'איז כדאי צו וויסען!
אז אין מיין לאנגיעהריגע
קאוויארניע קאשטשושקע 2, (פריהער 11)
איז נאך א גרונטליכען רעמאנט מיט א פערגרעסערטען לאקאל, ווערט פון זונטאג, דעם 1-טען נאוועמבער ד. י. ארויסגעגעבען
יעדען טאג פון 6 ביז 11 אווענד
הייסע פליישיגע קאלאציעס,
צו ביליגע פרייזען.
מיט אכטונג: ל. אלטמאן, קאשטשושקע 2
(פריהער 11, רוג אלעע).

FUTRA
wszelkiego rodzaju po cenach przystępnych
poleca na bieżący sezon
Maurycy KORNBERG
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TEL. 259.


דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פאמיליע ווינטרויב און טענענבוים צוליעב'ן טויט פון זייער היים-געליבטע פרוי און מוטער
ביילע נ"ע
זייט געטרייסט!
י. ווייצמאן און פרוי, סאסנאוויץ.

# פעראנטווארטליכקייט!

(צו די זונטאג'דיגע פרעזידיום וואהלען).

עס איז באמת שווער, זעהר שווער צו זאגען עפיס וויכטיגעס, עפיס קאנקרעטעס וועגען דער אזוי אנגעוועהטאגטער פרעזידיום - פראגע פון דער היגער קהלה - פערוואלטונג, די לאגע איז אזא פערפלאנטערטע, דער ענין איז שוין אדורכגעגאנגען אזוי פיעל פעריאדען, אז ס'קען זיך אויסדאכטען דאס עס איז שוין מעהר קיין אויסוועג נישט פערהאנען.

מיר ווילען נישט ווידערהאלען דאס, וואס מיר האבען שוין נישט איינמאל בעטאנט אז שולדיג אין דער געשאפענער לאגע זענען כמעט אלע ריכטונגען וואס געפונען זיך אין דער קהלה, אז אלע זענען זיי בעגאנגען אונגעהויערע פעהלערן, באלד אין אנהויב אדער שפעטער, בשוגג אדער במזיד, אבער דאס דארף דערמאנט ווערען טאקי איצט צוליעב דעם וואס יעדע ריכטונג דארף זיך אבגעבען א דין-וחשבון, יעדער דארף ביי זיך פיהלען אז ער איז שולדיג, און דאריבער מוז זיך יעדער בעמיהען צו פעררירכטען די בעגאנגענע פעהלערן און אויסצובעסערען וואס עס לאזט זיך, אזוי לאנג ווי ס'איז נאך צייט.

מיר גלויבען, אז די זונטאג'דיגע זיצונג וועט מוזען זיין די ענדגילטיגע, אז מעהר וועט מען די פרעזעסור-פראגע שוין נישט קענען פערשיבען, ווייל דאס וואלט געווען א צו ריזיקאלישער שריט און דאריבער איז דער מאמענט א זעהר וויכטיגער און ערנסטער, ווייל אין איהם איז אבהענגיג די עקזיסטענץ פון דער היגער יודישער קהלה.

מיר ווייסען, אז דער איינציגער פאסיגער קאנדידאט אלס פרעזעס איז נישט קיין אנדערער ווי דער ביז-יעצטיגער פרעזעס ה' גאלדשטיין, ווייל עס איז פערשטענדליך אז זאגאר דער פעהיגסטער און ארבייטזאמסטער מענש קען נישט באלד מיט'ן אריינטרעטען אין דער קהלה-פערוואלטונג פערנעמען דעם אמט אלס פרעזעס, וועלכער מוז אומבעדינגט האבען די נויטיגע ערפאהרונג און פראקטיק אויף דעם געביעט; איבערהויפט ווען די קהלה צו אלע איהרע צווייגען און געביטען געפונט זיך אין אזא קלאגעדיגען מצב, אין א מצב פון חורבן און רואין. און עס איז איבריג צו זאגען אז דאס אבטרעטען פון ה' גאלדשטיין פונ'ם פרעזעס-אמט וועט זיין א אונגעהויערער פערלוסט און וועט ברענגען א גרויסען שאדען דער קהלה - ווירטשאפט, איבערהויפט טאקי ווען אין דער קהלה גיהען אריין נייע פרישע כחות וואס וואלטען אונטער זיין פערוואלטונג געקענט ברענגען גרויסען נוצען און מעגליך סאנירען די גאנצע ווירטשאפט פון דער קהלה.

אבער דאס איז א גזירת-המלכות, די אויפזיכטס-מאכט האט זיין קאנדידאטור נישט בעשטעטיגט און ס'איז „גזירה הוא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה", מיר האבען נישט קיין רעכט צו פערלאנגען אדער צו בעטען מען זאל אונז ערקלערן פארוואס דאס איז אזוי, אבער מיר קענען מעגליך נאך אינטערווענירען, מיר קענען אפשר נאך פארט אויפמערקזאם מאכען די געהעריגע מאכט - ארגאנען אז מיר האבען נישט קיין אנדערן פאסיגען מאן ווען מען זאל קענען אנטרויען די העכסטע לייטונג פון דער היגער קהלה. און דאס קען אפשר אמאל ווירקען, דאס קען מעגליך ברענגען דעם ריכטיגען רעזולטאט.

אויב מיר ווילען זאגען עטליכע ווערטער וועגען דער דאזיגער פראגע איז עס דאס, וואס מיר ווילען אויפמערקזאם מאכען אונזערע קהלה-פארשטעהער אויף זייער אומבעדינגטען חוב זיך צו פעראייניגען און צו קומען צו א געמיינזאמער פערשטענדיגונג. די שרעקליכע לאגע אין וועלכער די קהלה געפונט זיך, דער רואין, וואס שטעהט פאר אלע אינסטיטוציעס, דאס נייע געזעץ וועלכעס פערשמעלערט ביז א מינימום די קאמפעטענץ פון די קהלות, דער שוידערליכער מצב אין וועלכען עס געפונען זיך אלע היגע קולטורעלע און פילאנטראפישע אנשטאלטען וואס זענען דורך דער קהלה סובסידירט געווארען, דארפען עפנען די אויגען פון אונזערע קהלה-פארשטעהער אז זיי זאלען פארט אמאל אוועקווארפען די הינטער-כוונות פאליטיק, די פארטייאישע אדער פערזענליכע אמביציעס און זיך ערנסט פערטראכטען וועגען דער לאגע אין וועלכער די קהלה געפונט זיך.

די אנטי-יודישע כוואליע, וואס בושעוועט אין לאנד האט אנגעריהרט אויך אונזער שטאדט, די היגע יודישע בעפעלקערונג לעבט איבער מאמענטען פון שרעק, אונזערע אויסערליכע שונאים ווילען אונז איינשלינגען און ווען נישט דאס וואס די רעגירענדע מאכט-ארגאנען שטעהען אויף דער וואך, ווער ווייסט וואסערע כאראקטער דאס וואלט שוין אנגענומען, און מיר אליין צווישען זיך קענען זיך נישט פערשטענדיגען, מיר קענען נישט פערשטעהן איינער די שפראך פון צווייטען. דאס איז דאך דאס שרעקליכסטע, דאס שוידערליכסטע פון אונזער לאנגיעהריגער טראגעדיע.

און דא איז די לאגע א קאטאסטראפאלע, הונדערטער יודען געהען אויס פון הונגער און שמאכטען פון קעלט, און וואס טהוט פאר זיי די קהלה?

איהר זענט די אויסגעוועהלטע פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג, די פארשטעהער פון היגען יודענטום, וועלכעס האט אייך אנגעטרויט די העכסטע יודישע אינסטיטוציע פון אונזער שטאדט און איהר מוזט דעריבער אויף זיך פיהלען די נויטיגע אחריות, די נויטיגע געוויסענהאפטע פעראנטווארטליכקייט.

וואס עס וועט געטהון ווערען אויף דער זונטאג'דיגער פערוואלטונגס-זיצונג מוז געטהון ווערען מיט אלעמענס הסכמה, עס טארען נישט הערשען קיין שום חלוקי-דעות, עס מוזען בעזייטיגט ווערען אלע ביז-יעצטיגע רייבונגען, וועלכע האבען אונז שוין גענוג פערלוסטען פעראורזאכט און דעריבער מוז אין דעם ערנסטען מאמענט אנגענומען ווערען א איינהייטליכער געמיינזאמער בעשלוס, וועלכער זאל זיין אין איינקלאנג מיט די אינטערעסען פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

י. פ.

# די וואהל = זיצונג פון דער קהלה = פערוואלטונג.

**נישט געוועהלט קיין פרעזידיום. — אבגעלעגט די וואהלען אויף קומענדען זונטאג.**

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט איז אויף פערגאנגענעם זונטאג בעשטימט געווען די זיצונג פון דער נייער קהלה-פערוואלטונג, וועלכע האט געהאט דעם צוועק אויסצוועהלען א פרעזידיום, צוליעב דעם וואס די פוריגע פרעזידיום-וואהלען זענען דורך דער אויפזיכטס-מאכט אנולירט געווארען.

די אונטערהאנדלונגען, וואס זענען פארגעקומען צווישען די פערשידענע פראקציעס האבען נישט געבראכט צו קיין רעזולטאט, טראץ דעם וואס די פערהאנדלונגען האבען זיך פערצויגען ביז דער לעצטער מינוט, צוליעב וואס די זיצונג, וואס איז בעשטימט געווען אויף 5 א זייגער אוונד, האט זיך אנגעהויבען מיט א שעה שפעטער.

די דאזיגע זיצונג האט ארויסגערופען א פערשטענדליכע פעראינטערעסירונג צווישען דער היגער יודישער בעפעלקערונג, צוליעב איהר גרויסער וויכטיגקייט. אויף דער גאלעריע האבען זיך געפונען פיעל פארשטעהער פון פערשידענע פארטייען, א גרויסע צאהל פרנסים און סתם מענשען וואס זענען געקומען בייוואוינען די זיצונג.

— — —

6 א זייגער עפענט פרעזעס ה' ש. גאלדשטיין די זיצונג און נאכדעם ווי עס ווערט פעסטגעשטעלט אז אלע 12 דאזארעס זענען אנוועזענד, לעזט דער פארזיצענדער דעם בריעף פון סטאראסטא, וועלכער גיט איבער די דעציזיע פון מיניסטעריום, אז די וואהלען פון פרעזעס און וויצע-פרעזעס פון דער קהלה - פערוואלטונג זענען נישט בעשטעטיגט געווארען.

ה' גאלדשטיין גיט צו, אז אייגענטליך האט די קהלה געהאט בעשטימט די זיצונג אויף פערגאנגענעם פרייטאג, אבער לויט דער ווענדונג פון סטאראסטא, וועלכער האט זיך פעררופען אויף דעם פאראגראף 28 פון קהלות - געזעץ איז בעשטימט געווארען צו רופען די זיצונג אויף זונטאג.

דאזאר שענפעלד ערקלערט אז דאס אבלעגען די זיצונג איז נישט אין איינקלאנג מיט'ן פאראגראף 28 און ער בעט די דאזיגע ערקלערונג אריינצוטראגען אין פראטאקאל.

ווען מען טרעט צו צו די וואהלען שלאגט פאר דאזאר מערינג, אז מען זאל ארויסשטעלען אלס פרעזעס דעם ביז-יעצטיגען פרעזעס ה' ש. גאלדשטיין און אלס וויצע-פרעזעס דעם ה' ש. קאץ.

אויף דעם ערקלערט ה' גאלדשטיין, אז ער וועט מעהר זיין קאנדידאטור נישט ארויסשטעלען צוליעב דעם וואס עס געפונען זיך מענשען וועלכע אינטריגירען געגען זיין פערזאן, אזוי, למשל, האט פרנס קרעל געזאלט זאגען נאך מיט עטליכע וואכען פריהער, אז מען וועט די קאנדידאטור פון ה' ג. נישט בעשטעטיגען און דאס זעלבע האט אויך געזאגט ה' פאגעלבוים, און דאריבער וויל איך מיט קיין תקיפים נישט קעמפען.

ה' גאלדשטיין גיט צו אז אנדערע האלטען ווידער דאס ארויסשטעלען זיין קאנדידאטור אלס דעמאנסטראציע און כדי עס זאל נישט הייסען אז „מרדו בן יהודאי" וויל ער זיין קאנדידאטור נישט ארויסשטעלען.

דער פארשלאג פון דאזאר פאגעל, אז מען זאל ערטיילען דאס ווארט דעם פרנס קרעל צו זיין ערקלערונג צוליעב די ווערטער פון ה' גאלדשטיין, ווערט אבגעווארפען.

דאס ווארט נעמט דאן דאזאר פיליפאוויטש, וועלכער שלאגט פאר, אז אזוי ווי פרעזעס ה' גאלדשטיין וויל מעהר זיין קאנדידאטור נישט ארויסשטעלען, און פארלויפיג איז קיין אנדערער קאנדידאט נישט פערהאנען, און אזוי ווי אויפ'ן ארט קען מען זיך נישט אריענטירען אין דער געשאפענער לאגע זאל מען די וואהלען אבלעגען אויף עטליכע טעג.

געגען דעם דאזיגען פארשלאג טרעט ארויס דאזאר וו. זשעריקער, וועלכער זאגט, אז די קהלה - ווירטשאפט איז שוין גענוג פערנאכלעסיגט און ווערט פון טאג צו טאג ערגער. די מקוה ווערט דעם צווייטען חודש אויסגעשטעלט אויף ליציטאציע, אויך די אנדערע קהלה'שע אינסטיטוציעס געהען אונטער און אויב מיר וועלען זיך שפילען אין פאליטיק וועט אלץ חרוב ווערען.

דער פארשלאג ווערט געשטעלט צו אבשטימונג און בעקומט א מעהרהייט פון 7 שטימען און עס ווערט דעריבער בעשלאסען אבצולעגען די וואהלען פון קהלה-פרעזידיום.

— — —

די נעכסטע זיצונג פון דער פערוואלטונג קומט פאר קומענדען זונטאג 5 א זייגער נאכמיטאג. אויפ'ן טאג-ארדנונג: וואהלען פון א פרעזעס און וויצע-פרעזעס פון דער קהלה-פערוואלטונג.


## בעקוועהם, געשמאק און ביליג.

ווען איהר ווילט עסען א געשמאקען פליישיגען אוונד-ברויט און פאר א ביליגען פרייז, דאן געהט אין דער ערשטקלאסיגער קאוויארניע, וועלכע איז איינגעארדענט לויט די לעצטע כללים פון היגיענע פון ה' אלטמאן, קאשטשושקא 1 און איהר וועט העכסט צופרידען זיין.

## אין די נאסע וועטערן

איז אמגעזונדסטען, ווען איהר געהט אריין אין געשעפט פון ה' ז לאנגנער, ערשטע אלעע 10 און קויפט זיך א פאר קאלאשען אדער שניעגאוועצעס פון די בעסטע סארטען פאר זעהר ביליגע פרייזען.

איילט אייך דעריבער צו און קויפט שוין.


# די פערפאלגטע.

(30

ראמאן פון יודישען לעבען אין איטאליע, אין 19-טען יאהר-הונדערט.

פריי פון העברעאיש דורך י. געלזאהן.

(פארטזעצונג)

עס איז ראזא'ן נישט אזוי לייכט אנגעקומען, אבער זי האט דעם אויפזעהער יעדעס מאל, ווען ער פלעגט קומען צו איהר מיט עסען, אזוי פיעל געבעטען, אז ער האט איהר איינמאל געבראכט א צייכען פון דעם געפאנגענעם, וואס איז בעשטאנען פון עטליכע ווערטער: איך האב ערהאלטען און דאנק אומבעקאנט.

דאס איז געווען דאס ערשטע, וואס האט געפענש צווישען ראזא'ן און דעם אונטער דער ערד געפאנגענעם א קורצע קארעספאנדענץ, אבער דאביי האט דער אויפזעהער גוט אכטונג געגעבען אז זיי זאלען איינער דעם צווייטען נישט זאגען זייערע נעמען, אנדערש האט ער זיך אבגעזאגט פון איבערגעבען זייערע צעטלען און דאריבער איז ראזא געווארען מיט יעדען טאג מעהר נייגעריג צו וויסען ווער דער אומגליקליכער איז.

זי האט זיך זאגאר גענומען דעם מוטה און איינמאל געבעטען מיט טרעהרען אין די אויגען דעם וועכטער אז ער זאל איהר דערלויבען צו פרעגען דעם געפאנגענעם ווער ער איז און זי האט איהם דאביי געשוואוירען אז זי וועט פון דעם קיין שום געברויך נישט מאכען, אבער דער וועכטער האט זיך פון דעם קאטעגאריש אבגעזאגט.

און אזוי האט זיך דאס געפיהרט א לאנגע צייט, ראזא איז געזעסען פערשפארט און עקיבא איז זאגאר צו איהר געקומען אלץ זעלטענער, ווייל צר האט גערעכענט, אז אויב זי וועט זעהען אז ער נישט צו איהר וועט זי ווערען נאכגיביגער, אבער ראזא איז אין געגענטייל געווען צופרידען פון דעם וואס ער פייניגט זי נישט מיט זיינע בעזוכען און זי האט געפונען א טרייסט אין דעם וואס זי קען צוהילף קומען דעם אומגליקליכען וואס איז פערשפארט אונטער דער ערד.

אבער אלע איהרע בעמיהונגען צו דערגעהן ווער יענער איז, און ווי ער הייסט, האבען קיין ערפאלג נישט געבראכט, און דאס האט זי פשוט פערצווייפעלט.

.20

אין מיילאנד איז צווישען דער צייט פארגעקומען נייעס. דער גובערנאטאר עמנואל מאראניא, האט ערקלערט וויקטאר פעלדמאנ'ען, אז זיין שוועסטער מרים געפעלט איהם און ער איז אין איהר פערליעבט.

דער דאזיגער אדעלמאן האט מרים'ן וועגען דעם נישט געזאגט, ער האט נישט געוואלט זיך פאר איהר ערקלערען אין ליעבע איידער ער וועט דאס איבעררעדען מיט איהר ברודער און דאריבער האט ער איינמאל געשיקט זיין פערטרויאינגס - מאן צו וויקטאר'ן און איהם געבעטען צו קומען צו איהם אין אוונד.

וויקטאר האט זיך אנפאנגס דערשראקען, און ווען מרים איז אהיימגעקומען פון דער ארבייט ביים גובערנאטאר האט ער איהר דערצעהלט וועגען דער איינלאדונג.

דו ווייסט מרים—האט וויקטאר צו איהר געזאגט—נאך דיין אוועקגעהן אין ביורא איז געקומען א שליח פון גובערנאטאר וועלכער האט מיך אין זיין נאמען געבעטען אז איך זאל איהם היינט אין אוונד בעזוכען, וואס קען דאס בעדייטען?

ראזא איז אויך ערשטוינט געווארען פון דער דאזיגער איינלאדונג וואס מאראניא האט געמאכט איהר ברודער, איבערהויפט האט זי געוואונדערט פארוואס ער האט דאס נישט געטהון דורך איהר. ער האט דאך איהר געקענט זאגען אז זי זאל וויקטאר'ן צו איהר שיקען. זי האט זיך טיעף פערטראכט און איז דערביי רויט געווארען...

וויקטאר האט אונפערשטענדליך געקוקט אויף זיין שוועסטער, וועלכע האט געציקט מיט די פלייצעס און איהם געענטפערט:

צו וואס זאלען מיר קלערען, דו וועסט ביי איהם זיין וועסטו ערפאהרען וואס ער וויל.

איז דאס נישט אמאל אין צוזאמענהאנג מיט דיין אמט? עס קען זיין אז ער איז פון דיין ארבייט נישט צופרידען.

- איך גלויב דאס נישט — האט ראזא געענטפערט — מיר שיינט אז פון מיין ארבייט דארף ער זיין העכסט צופרידען.

ווען וויקטאר איז צו דער בעשטימטער שעה געקומען צום גובערנאטאר עמנואל מאראניא. האט ער שוין אויף איהם געווארט אין זיין קאבינעט און איהם הארציג עמפפאנגען.

איך וויל מיט אייך זיך דורכרעדען וועגען א זעהר וויכטיגער אנגעלעגענהייט—האט דער גובערנאטאר צו איהם געזאגט.

צום דינסט ה' גובערנאטאר—האט וויקטאר אונטערטעניג געענטפערט.

דאס איז א פריוואט-זאך—האט מאראניא געזאגט, צוהערענדיג די ווערטער—וועגען וועלכער איך וויל זיך מיט אייך בעראטען.

מיט מיר בעראטען? — האט וויקטאר ערשטוינט איבערגעפרעגט — איך גלויב אז דער ה' גובערנאטאר האט פעהיגערע און קלוגערע ראטגעבער ווי איך...

איך האב אייך שוין ערקלערט—האט מאראניא געענטפערט—אז דאס איז א פריוואט-זאך, און בעזונדער איז דאס אייך אויך נוגע.

וויקטאר איז געווארען אויפמערקזאם, ער האט פערשטאנען אז דאס מוז זיין עפיס זעהר א וויכטיגער ענין און ער האט מיט דער גרעסטער שפאנונג געפרעגט:

וואס, דאס איז מיר אויך נוגע?

יא, אייער שוועסטער מרים און דאריבער אויך אייך—האט מאראניא געענטפערט—אבער איך וועל עס מאכען קורץ, אהן לאנגע פאררעדעס, איך האב אייך געוואלט מיטטיילען אז איך האב ליעב אייער שוועסטער מרים.

וויקטאר איז פאר איבערראשונג שיעור אויפגעשפרונגען פון זיין ארט, אבער ער האט גארנישט געענטפערט און מאראניא האט ווייטער געזאגט!

באלד מיט'ן ערשטען אויגענבליק ווי איך האב זי געזעהען האט זי אויף מיר געמאכט א אויסערגעוועהנליכען איינדרוק מיט איהר זעלטענער שעהנהייט, אבער נישט בלויז שעהנהייט איז ביי מיר דער עיקר. שפעטער ווען זי איז געקומען אלס בעאמטין אין מיין ביורא, האב איך זיך איבערצייגט אין איהר קלוגהייט, בעשיידענהייט און אינטעליגענץ און איך האב זיך אין איהר שטערבליך פערליבט.

וויקטאר האט אלץ קיין ווארט נישט געענטפערט, ער איז געווען אזוי איבערראשט פון דעם גרויסען גליק אז ער האט קיין ווארט נישט געקענט ארויסרעדען, און מאראניא האט פארטגעזעצט:

א לאנגע צייט האב איך מיט מיר זעלבסט געקעמפט, איך האב מיר געוואלט אבגעבען א אינערליכען דין-וחשבון אלס יוד און עהרענמאן, אויב איך מאך דאס ערנסט, אויב דאס איז נישט גלאט א פאראיבערגעהענדע זאך, ווייל פארט בין איך דאך א מענש מיט א זעהר הויכער שטעלונג אין דער געזעלשאפט און מיט א גרויס פערמעגען און זי איז א ארים מיידעל. האב איך דאריבער מורא געהאט אז מיינע געפיהלען צו איהר זאלען זיך נישט אבקיהלען און זי קען דורכדעם חלילה זיין אומגליקליך. און דאריבער חאב איך נישט מיט איחר און נישט מיט אייך קיין ווארט וועגען דעם גערעדט, אבער איצט האב איך מיט פולען בעוואוסטזיין און מיט דער גאנצער פעראנטווארטליכקייט בעשלאסען דעם דאזיגען שריט צו מאכען און איך מוז בלויז האבען אייער הסכמה.

איך בין צופיעל איבערראשט פון דער פלוצימדיגער אזוי וויכטיגער בשורה און איך געפון פשוט נישט קיין ווערטער מיט וואס זיך אויסצודריקען, אבער איך גלויב אז די איינשטימונג פון מיין שוועסטער אויך פון מיר וועלען אהן שום צווייפעל נישט צוריקהאלטען.

(פארטז. קומט).

